# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

פרשת בא, ה׳ שבט תש״פ לפ״ק
שנה א׳ גליון י״ח


**זמנים**
(Liberty)

הדלקת הנרות........................4:54
מוצאי שבת קודש.......................6:26

## א מעשה פון תפלה


**יעקב משה אינדארסקי / אשר בער אינדארסקי**


די מעשה גייט שוין צוריק צו צוויי יאר צוריק פון ווען מען האט אנגעהויבן רעדן בכלל פון די שטעטל האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויך וואוינען אין ברסלב׳ע שטעטל, שפעטער האב איך אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאלן קענען האבן א אייגענע דירה אין שטעטל, און נישט דארפן בלייבן צאלן פאר יענעם רענט, א לאנגע צייט טאקע איז עס געווען נאר א חלום אין קאפ, ביז מיין זוהן אשר בער זאגט מיר איין טאג ״טאטי איך וויל גיין וואוינען אין שטעטל אפשר קומסטו אויך דארט וואוינען״ איך האב מיך פארשטייט זיך צוגעכאפט צו דעם, עס איז נישט געגאנגען אזוי גרינג, אנגעהויבן האב איך מיטן קיקן איין דירה, און עס האט זיך פון דעם גארנישט אויסגעלאזט, אבער איך בין נישט געווארן צובראכן פון דעם, שפעטער האב איך געקוקט נאך איינס אבער עס האט זיך אויך גארנישט אויסגעלאזט, ביז איך האב געטראפן איין דירה וואס אונז האבן זייער הנאה געהאט פון דעם, מען איז אריין אין קאנטרעקט צו קויפן די הויז, דערווייל זענען מיר געקומען וואוינען פאר רענט אין א בעיסמענט זייער צושטיפט.

למעשה איז מען געווען אין קאנטרעקט פאר גאנצע 8 חדשים, יעדע מאל איז געווען פארשידענע שוועריקייטן פארוואס עס האט זיך געשלעפט נאך און נאך, ברוך השם נאכן ווארטן אזוי לאנג האט מען ענדליך געקלאויזט. דא האט זיך אנגעהויבן מיטן גוי וואס האט געוואוינט דארט, ער האט נישט געהאלטן אזוי שנעל ביים ארויס גיין, האט מען נאכאמאל ארויס גענומען די עצה וואס די רבי לערנט מיט אונז, מען האט געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג אויף דעם, און שכח אייבערשטער אז מיר זענען שוין יעצט אין די דירה, און ווען מען קוקט צוריק זעהט מען אז עס האט זיך געלוינט יעדע תפלה וואס מען האט געבעטן פאר דעם, און נאר תפלה האט געהאלפן ריקן די זאך, אויך האב איך געבעטן ביי די ציון פון רבינו הקדוש מסאטמאר זי״ע אז עס זאל שוין דורך גיין די עגמת נפש, און ברוך השם מען האלט שוין דא .


**מודעה**

עס איז דא צובאקומען ריפלעקטערס מיט די ברסלב׳ע קרוין פאר טאטעס און פאר קינדער

אויך וועט זיין גאר בקרוב פאר די פרויען צו באקומען א שיינע ריפלעקטאר בעלט מיט די ברסלב׳ע קרוין

צו באקומען רופט 845-701-9160


## נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענע מיטוואך נאכט פרשת בא האט מען געהאט די זכיה אז די ראש ישיבה שליט״א איז געקומען אויף א קורצע סורפרייז באזוך.

די ראש ישיבה שליט״א האט אנגעהויבן מיט דעם אז ער איז אהער ארויסגעקומען ווייל דא איז זייער א פרייליכע פלאץ, און דא אין שטעטל לעבט מען מיט דעם הייליג׳ן רבי׳ן אויף א געוואלדיגן פארנעם.

די ראש ישיבה שליט״א האט געגעבן מורא׳דיג א שיינע שיעור התחזקות ווי פרייליך אונז דארפן זיין אז מען לעבט אין א פלאץ ווי די גאנצע חיות איז די הייליגע רבי און דאס לייגט מען אויך אריין אין די קינדער אז זיי זאלן לעבן מיט די עצות פונעם רבי׳ן.

אין רוסלאנד האט מען געכאפט צווי ברסלב׳ע אידן פארשפרייטן אידישקייט, מען האט זיי איינגעזעצט אין תפיסה, מען האט זיי געזאגט אז מארגן גייט מען זיי הארגענען, האבן זיי געשמיסט צווישן זיך וואס זאל מען טוהן די לעצטע נאכט פון די לעבן, אפשר זאל מען רעדן צום אייבערשטן א גאנצע נאכט, אדער לערנען א גאנצע נאכט, צום סוף האבן זיי אפגעמאכט צווישן זיך אז די לעצטע נאכט וועלן זיי שמיסן פון דעם הייליג׳ן רבי׳ן, אזוי האבן זיי טאקע געטוהן א גאנצע נאכט האבן זיי גערעדט פון די שיינע מתנות וואס די הייליגע רבי געט אונז, זיי זענען געווארן אזוי פרייליך פון דעם אז מען האט אזא גרויס׳ן רבי׳ן, זיי האבן אינגאנצן פארגעסן ווי זיי זענען בכלל, צום סוף האט מען זיי ארויס געלאזט פון תפיסה און מען האט זיי נישט געהארגעט.

די ראש ישיבה שליט״א האט ארום גערעדט ווי אנפאנג ווען מען האט געעפנט די מוסדות אין וויליאמסבורג איז עס ממש געווען ללעג ולקלס - א געשפעט אפילו ביי די משפחות אין ברסלב איז עס געווען א חוזק, די חדר האט זיך געוואלגערט פון איין פלאץ צום צווייטן, און אזוי אויך אלע אנדערע שוועריקייטן וואס מען האט געהאט, אבער עס גייט דורך אפאר יאר און מען זעהט די פירות וואס עס איז ארויס געקומען פון דעם ווי אלע יונגלעך פון חדר האבן אזוי שיין חתונה געהאט און אפאר פון די אינגעלייט זענען מגידי שיעור און מלמדים, און אזוי אויך די מיידלעך פון סקול ווי שיין זיי האבן חתונה געהאט און זיי זענען היינט די טיטשערס פאר די קינדער, און זיי לעבן א זיסע לעבן אין שטוב אזוי ווי די הייליגע רבי לערנט אויס.

מען דארף טאקע האבן א שטארקע ראש ישיבה צו קענען פירן מוסדות און אלעס וואס פעלט זיך אויס, אבער א גרויסע שכח קומט זיך אויך פאר די אלע וואס העלפן ארויס וואס אן זיי וואלט מען נישט געקענט אנקומען ווי מען האלט דא, ווי למשל דו אלע וואס האבן אריין געשיקט אנפאנג אין די מוסדות בשעת אלע שכינים און גוטע פריינד האבן געלאכט פון זיי, זיי אלע קומט זיך א מורא׳דיגן דאנק, און אזוי אויך דו אלע וואס האבן זיך דא אהער געצויגן אין שטעטל קומט זיך א גרויסן דאנק, אן דעם קען מען נישט אויפשטעלן קיין שטעטל.

**די אייבערשטע זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צו זיך האלטן פריש ביים הייליג׳ן רבי׳ן א גאנץ לעבן.**

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בא, ב' שבט, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד די טייערע תלמידות פון בית פיגא ליבערטי, שתחיו.**

אייערע טיטשערס האבן מיר געזאגט אז איר ווארט איך זאל קומען צו אייך אין סקול; זאלט איר זיין דרך ארץ'דיג צו די טיטשערס.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וועט קעניגן וואלטן געוואוסט וואס פאר א דרך ארץ איך לערן אויס מיינע תלמידים, "הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ; אז איר וועט זיין דרך ארץ'דיג, איר וועט זיך אויפפירן שיין וועל איך קומען צו אייך.

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וארא, כ"ד טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, תושב קרית ברסלב ליבערטי ניו יארק.**

איך האב זייער הנאה געהאט צו זיין שבת אין שטעטל, עס איז א שיין פלאץ, א הערליך ווינקל; **מען שפירט די אחדות צווישן אנשי שלומינו**, מען שפירט דאס ליבשאפט, דאס ווארעמקייט - פון איינער צום צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קיינמאל נישט אוועק גיין פון רבי'ן, מיר זאלן בלייבן ביים רבי'ן; מען דארף אסאך רחמי שמים אז מען זאל בלייבן אין די ליכטיגע חבורה און נישט אנקומען צו לצים, צו טונקלקייט. אזוי ווי די הייליגע אמוראים האבן געבעטן (ברכות יז.): "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ", הייליגער באשעפער העלף מיר, "שֶׁתַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן אוֹרָה", איך זאל טרעפן א ליכטיגער ווינקל, "וְאַל תַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן חֲשֵׁכָה", איך זאל נישט אנקומען צו א טונקעלע פלאץ, א פלאץ פון לצים, א פלאץ פון נישט ערליכע מענטשן, "וְאַל יִדְוֶה לִבֵּנוּ", דאס הארץ זאל מיר נישט ווי טון, "וְאַל יֶחְשְׁכוּ עֵינֵינוּ", און מיינע אויגן זאלן נישט פארטונקלט ווערן.

היינט נאכט וועט פארקומען די פרויען שיעור אין שטעטל; בעט איך דיר זייער זאלסט בלייבן אין שטוב אז דיין ווייב זאל קענען קומען הערן גוטע ווערטער, חיזוק צו קענען ווייטער אנגיין מיט די שטוב ווירטשאפט, חיזוק צו קענען אנגיין מיט אויפציען די קינדער און חיזוק זי זאל וויסן ווי אזוי צו זיין א גוטע ווייב פאר דיר.

אז דו וועסט בלייבן אין שטוב, דו וועסט איר מחזק זיין צו קומען וועסטו אליינס מרויח זיין דערפון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שמות, י"ט טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה געהאט צו הערן וואס דיין מלמד האט ענק געזאגט, וואס מען לערענט ארויס פון שניי. עס פאלט א ברעקעלע שניי און נאך א ברעקעלע שניי און נאך, ביז עס ווערט א פוס שניי אדער מער. דאס זעלבע איז ווען מען טוט מצוות, מען טוט א מצוה'לע און נאך א מצוה'לע און נאך, ביז מען ווערט א גרויסער צדיק.

**דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט אזא גוטע מלמד און אז דו לערנסט אין די ברסלב'ע חדר.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

iSecure
For all your low voltage technology needs.
Motty Heimlich
Phone: 347-738-1041
Email: motty@isecureny.com

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM